בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת
גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת בראשית
כז תשרי
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 3
(90)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַקְדִּים גֶעוֶוען: הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה): "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף"; דִי מַעֲשִׂיוֹת בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דִי מְדִינָה הַנַּ"ל (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט וָואס בַּיי זֵיי אִיז דָאס גֶעלְט דֶער עִיקָר גִיוֶוען וְכוּ' כַּנַּ"ל) זֵיי הָאבִּין וַוייטֶער עוֹסֵק גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע זַאכִין אוּן אִין זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת (דְהַיְינוּ וָואס זֵיי פְלֶעגִין טוּן ווִילְדֶע זַאכִין אוּן הָאבִּין מַקְרִיב גִיוֶוען קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין דְהַיְינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין גִיהַאט פִיל גֶעלְט כַּנַּ"ל) אוּן דִי צַייט וָואס דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נָאךְ גִיגִיבְּן. הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבִּין בַּאלְד אוֹיס צוּגֵיין דִי צַייט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין.

וַוייל דֶער גִבּוֹר וָוארְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט צוּ הֶערְן וָואס דִי מֶענְטְשְׁן ווִילְן, צִי זֵיי ווִילְן מִלְחָמָה אָדֶער הַכְנָעָה.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיטָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן הָאבִּין מַקְרִיב גִיוֶוען קָרְבָּנוֹת אוּן קְטוֹרֶת אוּן הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת וָואס זֵיי פְלֶעגִין מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין.

בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, וֶוער עֶס הָאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ אַ גָאט, זֵיי פְלֶעגְן דַאוֶונֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גָאטְן.

זֵיי הָאבִּין גְחַאפְּט אַ חַיָּה'לֶע. דְהַיְינוּ אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט וֶוייניג גֶעלְט אוּן הָאבִּין אִים מַקְרִיב גִיוֶוען פַאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן דִי דֵיעָה אַז זֵיי מוּזִין טוּן דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה וָואס מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן. אַז זֵיי זָאלִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט אַלֶע גָאטִין וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיס עֲשִׁירוּת (וָואס נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַּ"ל) אוּן דִי מְדִינָה וֶועט זֵיי בְּוַודַּאי הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטִין כַּנַּ"ל.

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי נֶעבֶּעךְ גֶעמֵיינְט אַז גֶעלְט קֶען הֶעלְפְן פוּן אַ צָרָה.

הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה הַנַּ"ל.

דֶערְוַוייל אִין וֶועג. ווִי דִי שְׁלוּחִים זֶענֶען גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי דֶערְזֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטֶעקִין. וָואס זַיין שְׁטֶעקִין הָאט אָנְגִיטְרָאפִין מֶער פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע גָאטִין. דְהַיְינוּ דֶער שְׁטֶעקִין זַיינֶער אִיז גִיוֶוען גִיזֶעצְט מִיט זֵייעֶר טַייעֶרֶע דוּמִיטִין. וָואס דֶער שְׁטֶעקִין אִיז וֶוערְט גִיוֶוען מֶער אֵיידֶער דָאס עֲשִׁירוּת פוּן זֵייעֶרֶע אַלֶע גָאטִין. מֶע זָאל צוּם אוֹיף נֶעמֶען גָאר דָאס עֲשִׁירוּת פוּן זֵייעֶרֶע גָאטִין אוּן אַפִילוּ פוּן דִי גָאטִין פוּן יֶענֶער מְדִינָה וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵיי אִיז דֶער שְׁטֶעקִין מֶער וֶוערְט גִיוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע אַלֶע עֲשִׁירוּת. ווִידֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גִיגַאנְגֶען אִין אַ קַאפִּילִישׁ וָואס סֶע אִיז אִין אִים גִיוֶוען דוּמִיטִין. וָואס דֶער קַאפִּילִישׁ אִיז אוֹיךְ וֶוערְט גֶוֶוען ווִילְד פִיל. ווִי דִי שְׁלוּחִים הָאבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דֶערְזֶעהְן. זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶּף אַנִידֶער גִיפַאלִין

פַּאר אִים בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה. (דְהַיְינוּ זֵיי הָאבִּן זִיךְ גִיבּוּקְט פַּאר אִים זֵייעֶר פִּיל) וָוארִין נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע דֵיעָה נָאךְ אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטִין. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ וִוילְד גְרוֹיס עַשִׁירוּת (אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבִּן בַּאגֶעגִינְט דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל). הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיזָאגְט צוּ זֵיי. הָאט דָאס אִיז בַּיי אַייךְ אַ חִידוּשׁ. קוּמְט מִיט מִיר וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזִין עַשִׁירוּת. הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אוֹיף דֶעם בַּארְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִיסַדֶר'ט דֶער אוֹצָר פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זֵיי גְוַוייזִין דֶעם אוֹצָר. ווִי זֵיי הָאבִּן דֶערְזֶעהְן דֶעם אוֹצָר. זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶּף אַנִידֶער גִיפַאלִין בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטִין (נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַּארְפִירְטֶע דֵיעָה. וָואס בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען דָאס גֶעלְט כַּנַּ"ל) נָאר קֵיין קָרְבָּנוֹת הָאבִּן זֵיי נִיט מַקְרִיב גִיוֶוען. וָוארִין נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ אַז דֶער אִיז אַזוֹי אַ גָאט וְכוּ' וָואלְטִין זֵיי זִיךְ צוּ אִים בְּוַדַאי מַקְרִיב גִיוֶוען. נָאר מֶע הָאט דִי שְׁלוּחִים אָנְגִיזָאגְט. אַז אִין וֶועג זָאלִין זֵיי קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט מַקְרִיב זַיין. וָוארִין זֵיי הָאבִּן מוֹרָא גִיהַאט. אַז זֵיי וֶועלִין אִין וֶועג קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב זַיין. וֶועט פוּן זֵיי גָאר נִיט בְּלַייבִּין. וָוארִין טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי גִיפִינֶען אֵיין אוֹצָר אִין וֶועג. טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא אַרַיין אוּן וֶועט דָארְט גִיפִינֶען אֵיין אוֹצָר. וֶועט עֶר זִיךְ וֶועלִין מַקְרִיב זַיין צוּ אִים. וֶועט פוּן זֵיי קֵיינֶער נִיט בְּלַייבִּין. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּן דִי מְדִינָה אָנְגִיזָאגְט דִי שְׁלוּחִים אַז אִין וֶועג זָאלִין זֵיי קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט מַקְרִיב זַיין.

הָאבִּן זִיךְ דִי שְׁלוּחִים מְיַישֵׁב גֶוועזְן. נָאךְ וָואס זָאלִין זֵיי שׁוֹין גֵיין צוּ יֶענֶע גָאטִין. דְהַיְינוּ צוּ דֶער מְדִינָה וָואס מֶע הָאט זֵיי אַהִין גִישִׁיקְט וָואס דָארְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים וָואס בַּיי זֵיי זֶענֶען זֵיי גָאטִין. אַ מֶער בֶּעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ זֵיי בֶּעסֶער קֶענֶען הֶעלְפִין. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ גָאט אִיבֶּער זֵיי אַלֶע (נָאךְ זֵייעֶר מְשׁוּגָעֶנֶע דֵיעָה נָאךְ) וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ וִוילְד גְרוֹיס עַשִׁירוּת מֶער פוּן זֵיי אַלֶע (כִּפְלֵי כִּפְלַיִים). אִיבֶּער דֶעם הָאבִּן זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם מֶענְטְשְׁן אַז עֶר זָאל מִיט זֵיי גֵיין אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. אִיז עֶר צוּ זֵיי מְרוּצָה גִיוָוארִין. אוּן אִיז מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן אִיז גִיקוּמֶען אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. אִיז בַּיי דֶער מְדִינָה גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וָואס זֵיי הָאבִּן גִיקְרִיגִין אַזוֹי אַ גָאט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶוען פַארְזִיכֶערְט אַז דָארְךְ אִים וֶועלִין זֵיי בְּוַדַאי הָאבִּן אַ הִילְף. וָוארִין עֶר אִיז אַזוֹי אַ גָאט וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ גְרוֹיס עַשִׁירוּת. הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיהֵייסִין (וָואס עֶר אִיז עֶס גִיוֶוען דֶער מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ כַּנַּ"ל) אַז אֵיידֶער סֶע וֶועט זַיין אַ רֶעכְט אִין דֶער מְדִינָה. זָאל מֶען דֶערְוַוייל קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט מַקְרִיב זַיין (וָוארִין דֶער מְמוּנֶה אִיז בֶּאֱמֶת גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן דִי לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֵייעֶר. הָאט דֶער מְמוּנֶה בְּוַדַאי זֵייעֶר פַּיינְט גִיהַאט דִי נַארִישֶׁע מִנְהָגִים פוּן דֶער מְדִינָה. נָאר עֶר הָאט זֵיי נָאךְ נִיט גִיקֶענְט אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג. לוּשְׁמִיר דֶערְוַוייל הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל חָאטְשֶׁע קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט מַקְרִיב זַיין).

הָאט דִי מְדִינָה אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין מִכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר הַנַּ"ל. וָואס זֵיי הָאבִּן פַּאר אִים זֵייעֶר מוֹרָא כַּנַּ"ל. אוּן דֶער מְמוּנֶה הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְפֶערְט אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִיבּוֹר. (וָואס עֶר וֵייסְט) הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דֶער מְמוּנֶה. אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. אוּן עֶר הָאט גִיבֶּעטִין דִי לַייט פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶיגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים. הָאבִּן זֵיי גִיזָאגְט. זֵיי וֶועלִין מֶעלְדִיוֶוען. הָאבִּן זֵיי גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין. אִים אַרַיין לָאזִין. אִיז דֶער מְמוּנֶה אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. הָאבִּן זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנֶדֶערֶע דֶערְקָאנְט. אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען שְׂמָחוֹת אוּן בְּכִיוֹת כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען וָואס זֵיי הָאבִּן זוֹכֶה גִיוֶוען זִיךְ גִיפִינֶען אֵיינֶער דֶעם אַנֶדֶערִין. אוּן הָאבִּן ווִידֶער זֵייעֶר גִיוַויינְט. ווִי נֶעמְט מֶען נָאךְ דִי אִיבְּרִיקֶע לַייט הַנַּ"ל) הָאט דֶער גִבּוֹר זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּם מְמוּנֶה. אוּנְזֶער כָּשֵׁרֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ דָא. אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גִיזֶעהְן. אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ. הָאט דֶער מְמוּנֶה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר. אַז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַּ"ל. נָאר אִיבֶּער זֵיי בֵּיידֶע אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. הָאט דֶער מְמוּנֶה גִישְׁמוּעסְט מִיט דֶעם גִבּוֹר מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין אוּן זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט. הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶערְט דֶעם מְמוּנֶה. דָאס וָואס עֶר הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז וֶוער סֶע פַאלְט אַרַיין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפָן נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג וְכוּ' כַּנַּ"ל.

## וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵטְא הָעֵגֶל?

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין סַיי וָואס פַאר אַ תַּאֲוָה, ווִי נִישְׁט ווִי הָאט דָאךְ אַ אִיד אַ אִידִישֶׁע

נְשָׁמָה, וועט ער איין טָאג זיך אויפְכַאפְּן און אײַנְזֶען וואס עֶר טוט, און אָפְּלאָזְן זײַנע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת און זיך צוּרִיק קֶערְן צום אײבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער ווען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרײַן אין 'תַּאֲווֹת מָמוֹן' איז עֶר אין גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, ווייל מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס איז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוֹיבְּן אויף קוּקְט אויס גֶעלְט ווי אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'ווער דארף דֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט? יֶעדֶער דארף גֶעלְט, מִיט גֶעלְט קֶען מֶען טון גוּטֶע זַאכְן...' אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען קֶען טַאקֶע טון גוּטֶע זַאכְן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער טְרַאכְטְן אַז גֶעלְט קֶען הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ און גֶעלְט אִיז דִי יְשׁוּעָה - אויף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵטְא הָעֵגֶל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), וואס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵטְא הָעֵגֶל? עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם אַזוֹי ווי מֶען לֶערְנְט אִין חוּמָשׁ אַז מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַ קֶעלְבְּל און מֶען הָאט עֶס גֶעמַאכְט פַאר אַ רֶבִּי, דֶער דוֹר הַמִּדְבָּר זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, וואס אִיז גֶעוֶוען דִי זַאךְ וואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל? זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער טָעוּת פוּנֶעם דוֹר הַמִּדְבָּר אִיז גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן דִי 'סִיבָּה' אַ 'מְצִיאוּת'; דָאס מֵיינְט, דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וועלט עֶס זָאל זיך פִירְן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶּער נִישְׁט דֶער דְזָשַׁאבּ גֶעבְּט פַּרְנָסָה, דִי דְזָשַׁאבּ אִיז נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, דָאס אִיז נָאר דֶער 'סִיבָּה', דֶער וועג ווי אַזוֹי דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְסַבֵּב, ווי אַזוֹי עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווען מֶען פִילְט נִישְׁט גוּט און מֶען גֵייט צום דָאקְטֶער, דַארְף מֶען אויךְ גֶעדֶענְקֶען, דֶער דָאקְטֶער אִיז נָאר דֶער סִיבָּה, וואס דוּרְךְ אִים שִׁיקְט דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער צוּ דִי רְפוּאָה, דֶער דָאקְטֶער אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר.

מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן פוּן דִי 'סִיבָּה' אַ 'מְצִיאוּת', כְּאִילוּ דֶער 'סִיבָּה' אִיז דֶער עִיקָר, ווייל דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז דֶער מְצִיאוּת, עֶר אִיז דִי יְשׁוּעָה, דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט "טוּ דֶעם סִיבָּה", מַאךְ אַזוֹי, מַאךְ אַהֶער, מַאךְ אַהִין, אָבֶּער פַארְזִיכֶער זיך נִישְׁט אויף דַיין פַּרְנָסָה, פַארְזִיכֶער זיך נִישְׁט אויפְ'ן דָאקְטֶער, פַארְזִיכֶער זיך נִישְׁט אויף דַיין גֶעלְט, פַארְזִיכֶער זיך נִישְׁט אויף אַ חָבֵר, קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער, בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן וועט עֶר דִיר הֶעלְפְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם קֶעלְבְּל, דֶעם 'סִיבָּה', און גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ 'מְצִיאוּת' כְּאִילוּ דָאס אִיז דֶער עִיקָר, חַס וְשָׁלוֹם.

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים זֶענֶען אַזוֹי פַארְקְרַאכְן גֶעוָוארְן, אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע 'מְצִיאוּת' פוּן גֶעלְט.

## דֶער גִּבּוֹר אִיז דָא

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וועג ווי אַזוֹי מֶען קֶען אויסְהֵיילְן אַזַא מֶענְטְשׁ וואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, אִיז נָאר אַז מֶען בְּרֶענְגְט אִים דֶעם גִבּוֹר, דֶער גִבּוֹר אִיז דֶער 'מִדַּת הַגְּבוּרָה' וואס דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אויפְצוּוֶועקְן אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים; פְּלוּצְלִינְג פַאסִירְט עֶפֶּעס מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, מִיט זַיין קִינְד, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, זֶעט עֶר אַיין אַז גֶעלְט קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר מוּז זיך אַיינְבֵּייגְן זַיין קָאפּ צום אײבֶּערְשְׁטְן.

ווער זָאגְט תְּהִלִּים? אַ לֵב נִשְׁבָּר, אַ אִיד מִיט אַ צֶעבְרָאכֶענֶער הַארְץ זָאגְט תְּהִלִּים, ווען מֶען זֶעט אַן עוֹשֶׁר נֶעמְט אַ תְּהִלִּים מוּז זַיין עֶפֶּעס גֵייט פָאר בַּיי אִים, אַ זַאךְ וואס גֶעלְט קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, דֶער גִבּוֹר אִיז דָא, דָאס דֶערְמַאנְט אִים פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

## עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט!

לֵיידֶער זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן וואס דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער דָאס גַאנְצֶע קָאפּ מֹחַ מַחְשָׁבָה זֵייעֶרֶע טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט, אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעלְט בִּיסְטוּ חָשׁוּב, אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט בִּיסְטוּ נִישְׁט חָשׁוּב גֶעלְט.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל, מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן מִיר אָפּ פְרֶעגְן: **"ווער אִיז דֶער בָּחוּר?"** עֶנְטְפֶער אִיךְ: **"עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט!"; "טַאקֶע? טַאקֶע? אַה זֵייעֶר שֵׁיין!"** יֶעצְט מֶעג אִיךְ אִים שׁוֹין הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז שׁוֹין אַ נָארְמַאלֶע יְשִׁיבָה, אָבֶּער אוֹיבּ הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גֶעלְט שְׁטִימְט נִישְׁט פַארְוואס אִיךְ הָאבּ אִים אַרַיין גֶענוּמֶען אִין יְשִׁיבָה... אָדֶער

וועֶן מֶען זֶעט אַ סְפָרַדְ׳ישֶׁער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, פְרֶעגְן מִיר מֶענְטְשְׁן: **"וועֶר אִיז דֶער אַ סְפָרַדְ׳ישֶׁער בָּחוּר?"** ענְטְפֶער אִיךְ: **"עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט!"** יֶעצְט מֶעג אִיךְ שׁוֹין הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה, יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן אַשְׁכְּנַזִ׳ישֶׁע, סְפָרַדְ׳ישֶׁע, תֵּימָנִ׳עֶ, מָארָאקָא׳נִישֶׁע... דָאס אִיז גֶעוועֶן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים, מֶען הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אַרוּם גֶעלְט.

הָאבְּן זֵיי ווַייטֶער מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנֶה הָאט גִיפוֹעֶלְט בַּאם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל דֶער מְדִינָה נָאךְ גִיבִּין אַ צַייט ווַייטֶער. הָאט זֵיי דֶער גִבּוֹר גִיגִיבִּין נָאךְ אַ צַייט. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ דֶער מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר.

## אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פְּרִיוַואט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

לָאמִיר אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דֶער זַאךְ פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף, אַז אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בֶּעט אִיךְ: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה"**, נִישְׁט חַנְפָּה׳נֶען קֵיינֶעם, נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיינֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט דִי וָואךְ צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶעהַאט אַ פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַן עוֹשֶׁר!" זָאג אִיךְ אִים: **"דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט פְּרִיוַואט מִיט אַן עוֹשֶׁר? דוּ ווֵייסְט, אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶערֶעדְט פְּרִיוַואט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"**

## יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ גֶעהָאלְפֶענֶער

כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן, עֶר חַנְפָּה׳עט מֶענְטְשְׁן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז אֵיינֶער קֶען אִים הֶעלְפְן, אִיז עֶר אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוויינְט צוּ מוֹהֲרָא"ש, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין ווַייבּ, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיינֶע מִשְׁפָּחָה!"** הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, ווַייל כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין: 'אִיךְ הָאבּ דֶעם, אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם', 'אִיךְ הָאבּ אַ ווַייבּ, אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ גוּטֶע חֲבֵרִים', קֶען מֶען ווֶערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן.

מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין 'אִיךְ הָאבּ אַן עֶסְקָן וָואס ווֶעט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן', דֶער עֶסְקָן זָאגְט: **"יָא יָא אִיךְ ווֶעל אַלֶעס טוּן דִיר צוּ הֶעלְפְן"**, לְמַעֲשֶׂה קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, פְּלוּצְלִינְג כַאפְּט דֶער מֶענְטְשׁ אַזַא פַּאטְשׁ, עֶר הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ׳ן הֶעכְסְטְן מֶענְטְשׁ, אוֹיפְ׳ן פְּרֶעזִידֶענְט אַלֵיין, אוּן עֶר קֶען אִים אוֹיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, דַאן זֶעט עֶר אַיין אַז עֶס אִיז נָאר דָא אַיין עֵצָה זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ וָואס מָשִׁיחַ ווֶעט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי ווֶעלְט - 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת'; דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען עֶס מְקַיֵּים זַיין זֵייעֶר גְרִינְג, מֶען וָואקְט אַהֶער מֶען וָואקְט אַהִין, קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן? פַארְוָואס אִיז אַזוֹי בַּייסִיג? אַנְשְׁטָאט שַׁבָּת זָאל זַיין דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן וָואךְ, זָאגְט מֶען אַ וָוארְט אַהֶער אוּן אַ וָוארְט אַהִין אוּן מֶען אִיז שׁוֹין צֶעקְרִיגְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה בֵּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ"**.

נָאר אַז מֶען הָאט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, וָואס לֶערְנְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט עֶר דֶעם גִבּוֹר צוּ וַוארְטְן אִין דִי צַייט, עֶר הַאלְט צוּרִיק דֶעם מִדַּת הַגְּבוּרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן בַּעַל תְּפִלָּה, מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער גִבּוֹר וֶועט שְׁטֵיין אִין דִי צַייט, עֶס וֶועט נִישְׁט קוּמֶען דֶער מִדַּת הַגְּבוּרָה, עֶס וֶועט זַיין נָאר חֶסֶד, נָאר טוֹבוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.